בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת תְּרוּמָה

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מִיטְנֶעמֶען דִי שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער קַיין אוּמַאן?.........................................א

פַארְוָואס וֶוער אִיךְ אִיגְנָארִירְט? ........................................ב

בָּארְגְן גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?.........................................ה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים, פַּאלְט נִישְׁט .........................................א

אַ בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן.........................................א

קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם תְּהִלִּים .........................................ב

זַיי מְכַבֵּד דַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער אוּן בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶער בִּיז נִיבּוּל פֶּה.........................................ג

אַ כַּלָּה לֶערֶעִרין.........................................ד

עֶפְן דַיין טִיר פַאר חֶסֶד אוּן צְדָקָה .........................................ה

אָפְּגֶעשׁוּירְן דִי הָאר, אַ קָרְבַּן פַארְן אֵייבֶערְשְׁטְן .........................................ה

מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ קוּקְן מָאוּוִיס אוּן קְלִיפְּס .........................................ו

עֶלְטֶערְן זָאלְן קוּמֶען צוּם "אֲסִיפַת הוֹרִים" .........................................ז

יֶעדֶער וָואס טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן, וֶועט זַיין אוֹיף אִים קְרִיטִיק.........................................ח

נִישְׁט שְׁטֶערְן אַ שִׁידוּךְ צוּלִיב דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף וואוֹינֶען .........................................ט

מֶען כַאפְּט אַ פַּאטְשׁ, אוּן מֶען אִיז נָאכְאַלְץ פְרֵיילִיךְ .........................................י

אַ רְפוּאָה פַאר רוּקְן וֵוייטָאג אוּן עֶקְזִימֶע.........................................יא

דֶער עִיקָר פוּנֶעם מוֹסָד אִיז דִי וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט..............................יב

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שוּלְדִיג אִין דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער..............................יב

אַ מְלַמֵד זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים..............................יד

אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וואוּ צוּ גֵיין וואוֹינֶען..............................יז

נִישְׁטָא קַיין אֵיין פְּרוּטָה, לָאז אָבֶער נִישְׁט אָפּ דִי שְׁמֵייכְל..............................יח

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן קֵיינֶעם, לָאז נִישְׁט אָפּ הֲפָצָה.............................. יט

הָאבּ שֵׂכֶל אוּן בֶּעט אִיבֶּער דֶעם וֶועמֶען דוּ הָאסְט פַארְשֶׁעמְט..............................כ

נָאר אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה אִיז דָא אֱמֶתְ'עֶ לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם..............................כא

פַארְמַאךְ דַיין 'סָאוֹשְׁל מִידִיעֶ', אִיךְ זָאג דִיר צוּ שֶׁפַע..............................כא

נָאר מִיט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אִין שׁוּל, קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה..............................כב

רוּפְן אָדֶער אַרִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג צוּ דִי מַאמֶע..............................כג

זָאג דַיין וַוייבּ זִי קֶען בְּלַייבְּן בַּיי דִי אַרְבֶּעט..............................כו

דְרֵיי עֵצוֹת אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס..............................כו

יֶעדֶע דִיר פוּן בֵּית פֵּיגָא, שְׁטֵיי אִיךְ אוּנְטֶער דֶעם..............................כט

לֵייג אַלֶעס אִין דֶער זַייט, אוּן טוּ כִּיבּוּד אָב..............................ל

בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל רֶעדְן שֵׁיין אוּן הַארְצִיג צוּ מַיין מַאן..............................ל

וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ גְרִינְגֶער וֶוערְט..............................לב

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן שַׁבָּת שְׁקָלִים..............................לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מִיטְנֶעמֶען דִי שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָּאר אִיךְ קַיין אוּמַאן מִיט מַיין ווייב אוֹיף שַׁבָּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיז וויכְטִיג אַז אִיךְ זָאל מִיטְנֶעמֶען מַיין שְׁטְרַיימְל, וָואס דָאס אִיז מֶער בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אַזוֹי ווִי מֶען וָואלְט גֶעפָארְן צוּ אַ לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי, כָאטְשׁ וָואס עֶס וֶועט אוּנְז אַוֶועקְנֶעמֶען וויכְטִיגֶע פְּלַאץ און וָואג אִינֶעם רֶענְצְל, אָדֶער אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דָארְט גֵיין שַׁבָּת מִיט אַן אָרְטִיגֶער הוּטְל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, יֶעדֶע מָאל מֶען קֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן - אִיז דָאס אַ טוֹבָה פַארְן מֶענְטְשׁ, פַאר זַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה לְנֶצַח נְצָחִים. אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועלְן מִיר זֶען וָואס דָאס אִיז גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר אִיז גְרֵייט נָאכְאַמָאל צוּ מְגוּלְגָל וֶוערְן, נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען בְּזֶה הָעוֹלָם אוֹיבּ וֵוייסְט עֶר אַז עֶר וֶועט קֶענֶען נָאכְאַמָאל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

ווער רעדט נאך אז מען קען זיין א שבת אין אומאן ביים צדיק, איז דאס גאר א גרויסע זאך. ווייל דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רצז): "השבתים ששובתים אצלי, הם גדולים וטובים יותר משבעה פעמים תענית משבת לשבת", זיין ביי מיר שבת איז מער און גרעסער ווי פאסטן זיבן מאל משבת לשבת.

זיכער זאלסטו גיין צום רבי'ן מיט שיינע קליידער, און אז דו גייסט דארט זיין שבת קודש זאלסטו גיין מיט דיין שטריימל, אזוי ווי דו וואלסט אריינגעגאנגען צום רבי'ן ביים לעבן.

שווער און גרינג - איז אין מח, אז מען ווייסט אז אזוי גייט מען אנגעטון - איז דאס נישט שווער, עס איז דא נעבעך מענטשן וואס ביי זיי איז אויך שווער צו גיין מיט לאנגע הויזן און מיט א העמד, ווייל אין קאפ איז דאס ביי זיי אן איבריגע זאך.

א קליינע טובה, אויב דו קענסט מיך דערמאנען ביים ציון, בעטן פאר מיר, יואל בן ריצא רעכיל און מיין משפחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## פארוואס ווער איך איגנארירט?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א א זאך וואס שטערט מיר שוין א לאנגע צייט.

ראש השנה אין אומאן ווען מען גייט אריבער דעם ראש ישיבה שליט"א אנוואונטשן א גוט יאר, האב איך באמערקט אז א מענטש פאר מיר און א מענטש נאך מיר - האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א שמייכל, אבער ביי מיר האט דער ראש ישיבה שליט"א אוועקגעקוקט און מיך כמעט איגנארירט; די זעלבע איז ווען עס קומט דאנערשטאג נאכט נאכן שיעור, איך קום עפעס פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א, און

פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר און נָאךְ מִיר גֶעבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶטְלִיכֶע מִינוּט צַייט, און פַאר מִיר גֶעבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוֹים פִינְף סֶעקוּנְדֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אַז וֶוען דֶער צַדִּיק וַוייזְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ "הֶאָרַת פָּנִים", אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים - אִיז עֶס אַ גוּטֶע סִימָן, און פַארְקֶערְט - אִיז פַארְקֶערְט.

אוֹיךְ שְׁטֶערְט עֶס מִיר פֶערְזֶענְלִיךְ, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר ווי מַיין גַאנְצֶע רוּחָנִיּוּת הַאלְט זִיךְ נָאר אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס בַּאהֶעפְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גְלַייכְט מִיר נִישְׁט, אָדֶער הָאט עֶפֶּעס קֶעגְן מִיר.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן מַיין נָאמֶען, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל מִיךְ אָנְקוּקְן ווי אַ קְלֵיין קִינְד, אִיךְ ווִיל נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר זָאגְן ווי אַזוֹי אִיךְ דַארְף דָאס בַּאטְרַאכְטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פוּן קֵיינֶעם, און פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צא) ווי אַלֶע הָאבְּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, און אוֹיךְ אִין יֶענֶע פְרֶעמְדֶע לַאנְד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען ווי עֶר דַארְף זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד. אַזוֹי זִיצְנְדִיג אִין וַואלְד קוּמְט צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד און הוֹיבְּט אִים אָן גֶעבְּן מוּסָר: "הֲיִתָּכֵן, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? אַזוֹי פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף?! שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דַיינֶע זֵיידֶעס, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער און פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב?! וָואס מֵיינְסְטוּ, דוּ וֶועסְט דֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן דָא אִין וַואלְד אֵיינֶער אַלֵיין? דַיין גֶעלְט וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן און דוּ בִּיסְט שׁוֹין שְׁוַואךְ"; דֶער עֶלְטֶערֶער

איד הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בַּאזִידְלֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן: "דוּ וֶועסְט פוּן דָא אוֹיךְ מוּזְן אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דָארְט וואוּ דוּ וֶועסְט אַנְטְלוֹיפְן וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מוּזְן בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן", רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן אוּן זָאגְט אִים: "מֵאַחַר שֶׁהוּא כֵּן, שֶׁאֲנִי מְגֹרָשׁ כָּזֶה, יִהְיֶה לִי עוֹלָם הַבָּא", אוֹיבּ אִיז יָא אַזוֹי, אַז אִיךְ לַייד אַזוֹיפִיל - וֶועל אִיךְ כָאטְשִׁיג הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט, רוּפְט זִיךְ אָן דִי נְשָׁמָה אוּן זָאגְט, דוּ מֵיינְסְט דוּ וֶועסְט הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט? "אֲפִילוּ בְּגֵיהִנּוֹם לֹא יִהְיֶה לְךָ מָקוֹם לְהִטָּמֵן שָׁם כִּי עָשִׂיתָ חֵטְא כָּזֶה", אֲפִילוּ אִין גֵיהִנּוֹם וֶועסְטוּ זִיךְ מוּזְן פַארְשְׁטֶעקְן פַאר אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "לֵךְ לְךָ", גֵיי דִיר אַוֶועק, גֵיי דִיר אַוֶועק, "הָיִיתִי סוֹבֵר שֶׁתְּנַחֲמוּ אוֹתִי", אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ וֶועסְט מִיךְ טְרֵייסְטְן, "וּתְדַבְּרוּ עַל לִבִּי", אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיין הַארְץ, "עַכְשָׁו אַתֶּם עוֹשִׂים לִי יִסּוּרִים לְכוּ לָכֶם", יֶעצְט אַז דוּ מַאכְסְט מִיר יְסוּרִים - גֵיי אַוֶועק.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי חָלוֹם, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן נְשָׁמוֹת, אֲפִילוּ פוּן מַלְאָכִים אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פוּן צַדִּיקִים. אַז מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת דַארְף מֶען טוּן וָואס שְׁטֵייט בַּיי דָּוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א ל, ו): "וַיִּתְחַזֵּק דָּוִד בַּה' אֱלֹקָיו", דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דָּוִד הַמֶּלֶךְ'ס אֵייגֶענֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'ענֶען; וואוּ הָאט עֶר גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן? אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה, וֶועלְן אַלֶע שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִיר אוּן אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן מִיט דִיר, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דִי בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בָּארְגְן גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ טְרֶעוְול אַגֶענְט וָואס זָאגְט מִיר אַז אוֹיבּ אִיךְ קוֹיף יֶעצְט אַ טִיקֶעט פַאר אוּמַאן אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ו לפ"ק וֶועט עֶס מִיר קָאסְטְן בִּילִיג, עֶר מַאכְט אַ טְשַׁארְטֶער אוּן אוֹיבּ מֶען גֵייט קֶענֶען פָארְן קַיין קִיֶעוו וֶועט עֶס אַהִינְפָארְן; מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל בָּארְגְן גֶעלְט כְּדֵי אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי טִיקֶעט פַאר בִּילִיגֶער?

אִיךְ וֶועל הָאבְּן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם צוּ בַּאצָאלְן בְּמֶשֶׁךְ דִי קוּמֶענְדִיגֶע חֳדָשִׁים, דָאס הֵייסְט אוֹיךְ בָּארְגְן גֶעלְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶעגְסְט בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָארְגְט עֶנְק זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט פַאר דִי וֶועגְן צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוּן צוּ אַהֵיים פָארְן״; טוּ אַלֶעס אַבִּי צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן.

אֱמֶת, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן בָּארְגְן גֶעלְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו), וֶוער עֶס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה - זָאל זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חוֹבוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּם תִּיקוּן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל״, מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ״וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה״, עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין

מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶּעלְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען מֶעג בָּארְגְן גֶעלְט אוּן אַלֶעס טוּן אַבִּי צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים, פַאלְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צב), תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי ווִי אַ מִשְׁעֶנֶת, אַ שְׁטֶעקְן אוֹיף וָואס מֶען קֶען זִיךְ אָנְלַאנֶען נִישְׁט צוּ פַאלְן; דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים - פַאלְט נִישְׁט.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וֶועלְן אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת אַרוֹיפְגֵיין זֵייעֶר הוֹיךְ אוּן אִיר וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַ בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּאנֵיי זִיךְ, הוֹיבּ אָן צוּרִיק לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן צוּרִיק דַיין לֶעבְּן, וֶועסְט זֶען גְלַייךְ אַ חִילוּק אִין יֶעדֶע פְּרַט פוּן דַיין לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): ״בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם, ׳זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי׳״; וֶוען אֵיינֶער וֵויינְט אוּן קְלָאגְט ׳בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי, מַיין

לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנקֶל, כְּמֵתֵי עוֹלָם, מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט׳, קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן מֶען טְרֵייסְט אִים, ׳זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי׳, עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דִיר, נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן לֶערְן גְמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן.

נֶעם אַ גְמָרָא אוּן לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אָן גְמָרָא זֶעט מֶען אוֹיס וִוי אַ הוּנְט; פַארְפַאלְן, אַזוֹי הָאבְּן צַדִיקִים גֶעזָאגְט, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען אַ צוּרַת אָדָם, אוּן נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא וֶועלְן אוּנְז בַּאשִׁיצְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם ... אֶלָּא תוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד", וָואס בְּלַייבְּט דֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? וָואס נֶעמְט מֶען מִיט אִין קֶבֶר? נָאר דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דִי מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים; אַ שָׁאד דֶער טָאג זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אָן לֶערְנֶען גְמָרָא, גְמָרָא בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳

אַייעֶר טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן פַאר אַייךְ אַ תְּהִלִּים, עֶר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר הָאט שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶוען אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל תְּהִלִּים, אִיר לֶעבְּט מִיטְן תְּהִלִּים, אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיטְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם תְּהִלִּים, אִיר זָאלְט זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן אַרַיינְפְּלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט

איר זַיין שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה און מִיט דִי מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## זַיי מְכַבֵּד דַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער און בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶּער בִּיז נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן בַּיי דִיר אִין דִי אַרְבֶּעט מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, וַוייל אָדֶער הֶערְט עֶר אוֹיף רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אָדֶער הֵייבְּסְטוּ אָן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ זִיצְן מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט שְׁמוּצִיג און עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרִיבֶּערְכַאפְּן.

לָאז נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): "בַּעֲווֹן נִבּוּל פֶּה", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קוּמֶען בִּיטֶערֶע צָרוֹת און נַייעֶ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט; "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", אַלֶע שְׁרֵייעֶן און קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט זֵייעֶר גֶעשְׁרֵיי.

זַיי מְכַבֵּד דַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער און בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶּער בִּיז נִיבּוּל פֶּה; אַז עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּ עֶפֶענֶען אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל - זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "אָדֶער רֶעדְסְטוּ אֵיידֶל, אַז נִישְׁט גֵיי אִיךְ אַוֶועק פוּן דָא", און אַז דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט זָאגְן - זָאלְסְטוּ אִים שִׁיקְן אַ קַאפִּי פוּן דִי בְּרִיוו, וַוייל נִיבּוּל פֶּה אִיז אַזוֹי הַארְבּ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילּוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילּוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגְלְט אַ גוּטֶע גְזֵירָה פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר - צֶערַייסְט מֶען דִי גוּטֶע גְזֵירָה און עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", אוֹיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דֶעם גֵיהִנּוֹם.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ צַאמְקוּם אִין שְׁטֶעטְל פַאר אַלֶע מַאמֶעס מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס פוּן בֵּית פֵיגָא, אִיךְ וִויל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען, אִיךְ וִויל זִי זָאל זַיין בַּיי דִי דְרָשׁוֹת, עֶס אִיז דָא זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר דַיין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ כַּלָּה לֶערֶערִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז מֶען הָאט שׁוֹין בַּאשְׁטִימְט אַ טָאג פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דָאס יוּנְג פָּארְל זָאלְן לֶעבְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן פְרִידְן, אוּן זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ בַּיי וֶועם זִי זָאל גֵיין לֶערְנֶען וְכוּ׳; בַּיי דִי פְרוֹי מָרַת לֶעווִי פוּן בְּנֵי בְּרַק דִי לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא, זִי וֶועט אִיר לֶערְנֶען אוּן אָנְגְרֵייטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס אַ אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי דַארְף וִויסְן אוֹיף דִי חֲתוּנָה, זִי אִיז אוּנְזֶער כַּלָּה לֶערֶערִין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער עִיקָּר זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק, ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער כֹּחַ בַּאקוּמְט מֶען, אַלְץ מֶער שַׁיינְט דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶפְן דַיין טִיר פַאר חֶסֶד און צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, אַנְטְוֶוערְפְּן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם וָואס דוּ צִיסְט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ אַ נֵייעֶ דִירָה.

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ עֶפֶּענֶען דַיין טִיר פַאר חֶסֶד; וֶוען מֶען קְלַאפְּט פַאר צְדָקָה זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג עֶפֶענֶען דִי טִיר און גֶעבְּן צְדָקָה, און וֶוען אַ שָׁכֵן קְלַאפְּט פַאר אַ טוֹבָה - זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען און טוּן דִי טוֹבָה, און וֶוען מֶען בֶּעט דִיר צוּ נֶעמֶען אַ קִינְד - זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ו, יז), אַ טִיר וָואס מֶען עֶפְנְט נִישְׁט פַאר צְדָקָה - וֶועט מֶען דַארְפְן עֶפֶענֶען פַאר אַ דָאקְטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג עֶפֶענֶען דַיין טִיר פַאר חֶסֶד און צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר, אַ קָרְבָּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מְחַזֵּק אַייעֶר חַבֶר'טֶע אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט גֶעטוּן, דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ, פַארְן בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. דֶערְצֵייל אִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ פְּרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם נַאסֶעדֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אַזוֹיפִיל יָאר, און זִי אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, פְרֶעגְט דֶער צַדִּיק: "און וָואס אִיז מִיט דִי הָאר?" הָאט זִי גֶעזָאגְט: "רֶבִּי עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אָפְּשֶׁערְן דִי

הָאר״. וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, דִי פְרוֹי אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוּן גֶעוֵויינְט: ״אִיךְ דַארְף אַ אִינְגְל״, אָבֶּער דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, בִּיז דֶער גַבְּאַי זָאגְט אִיר: ״וָואס פַארְשְׁטֵייט אִיר נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וֶועט אִיר הָאבְּן אַ אִינְגְל״, אִיז זִי אַרוֹיס אוּן זִי אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּשֶׁערְן, אוּן זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן בִּיז אַ יָאר מִיט אַ זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע אִינְגְל.

דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ קִינְד, וָואס דַארְף אִיךְ יֶעצְט פָאלְגְן דֶעם צַדִיק? אִיךְ וֶועל זִיךְ צוּרִיק לָאזְן וַואקְסְן מַיינֶע הָאר׳, אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט שֶׁערְן, בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער אִינְגְל קְרַאנְק גֶעוָוארְן. זִי אִיז גֶעקוּמֶען לוֹיפְן צוּם צַדִיק וֵויינֶען: ״רֶבִּי מַיין אֵיינְצִיג קִינְד אִיז קְרַאנְק, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה״, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיר: ״וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ מֵיינְסְט אִיךְ וֵייס נִישְׁט אַז דוּ שֶׁערְסְט זִיךְ מֶער נִישְׁט?״ אוּן נֶעבֶּעךְ דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

ווּאוּיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס לֵייגְט אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת אוּן פָאלְגְט דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וֶועט זִי נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, זִי וֶועט נָאר פַארְדִינֶען, זִי וֶועט זֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ קוּקְן מָאוּויס אוּן קְלִיפּס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ טוּסְט אָן דִי טַלִית, וֶוען דוּ מַאכְסְט דִי עֲטִיפָה - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי יֵצֶר הָרָע פוּן עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ז), דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית רַאטֶעוֶועט פוּן עֲרָיוֹת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה: ״הֵיילִיגֶער

בַּאשֶׁעפֶער, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ ווִיל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע מוֹחִין".

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס, קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת; דוּ וַוארְטְסְט דָאךְ אוֹיף אַ נֵס, דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס מִיט דִיר מִיט דַיין פַּרְנָסָה, מִיט וְכוּ', דֶער רֶבִּי זָאגְט אָבֶּער (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יְשׁוּעָה, סִימָן ז): "אֵין עוֹשִׂין נֵס לְנוֹאֵף", מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין נֵס פַאר אַ נוֹאֵף; דַארְפְסְטוּ כַּשֶׁר'ן דַיין טֶעלֶעפָאן, דַיין קָאמְפְּיוּטֶער, לֶעפְּטַאפ - נִישְׁט צוּ קוּקְן דִי עֶקֶלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, נָאר אַזוֹי וֶועט קוּמֶען אַ נֵס.

מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ קוּקְן עֲבֵירוֹת, מֶען פַארְלִירְט דִי נְשָׁמָה, מֶען פַארְלִירְט דִי טַעַם פוּן דַאוֶוענֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, מֶען שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִינֶעם דַאוֶוענֶען; וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע צָרָה? מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ קוּקְן מָאוִויס אוּן קְלִיפְּס.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶלְטֶערְן זָאלְן קוּמֶען צוּם "אֲסִיפַת הוֹרִים"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַלֶע עֶלְטֶערְן שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הַיינְט וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם אִין חֵדֶר פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן, דִי טַאטֶעס פוּן דִי קִינְדֶער אוּן דִי מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען אוֹיךְ טַאטֶעס, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילּוּ יְלָדוֹ", דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער אִיז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז דֶער טַאטֶע, אוּן דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער.

דִּי עֶלְטֶערְן וָואס קוּמֶען, דָאס וַוייזְט אַז חִינוּךְ הַבָּנִים אִיז זֵיי וֶוערְד, אוּן דִּי וָואס קוּמֶען נִישְׁט - דִּי וַוייזְן אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט זֵיי נִישְׁט דִּי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר דַארְף דִּי חֵדֶר נָאר פַּאר אַ בֶּעבִּיסִיטִינְג, מֶען זָאל אִים הַאלְטְן זַיינֶע קִינְדֶער, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶער וָואס טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן, וֶועט זַיין אוֹיף אִים קְרִיטִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז דִּי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר ווִילְט אִיר מֶער נִישְׁט זַיין אַ טִיטְשֶׁער בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא, וַוייל דִּי עֶלְטֶערְן פוּן יֶענֶע קְלַאס זֶענֶען אוּמְצוּפְרִידֶענֶע, זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף שַׁיין צוּ אַ טִיטְשֶׁער וְכוּ'.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, צוּ זַיין אַ טִיטְשֶׁער אוּן צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט מֶענְטְשְׁן - אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, יֶעדֶער וָואס טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן - וֶועט זַיין אוֹיף אִים קְרִיטִיק, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, אַזוֹי מוּז זַיין, אוּן וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן - זָאל שְׁטֵיין וַוייט פוּן דֶעם.

אָבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן מִיט מֶענְטְשְׁן - בִּפְרָט וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, קְדוּשָּׁה, יִרְאַת שָׁמַיִם, מִידּוֹת טוֹבוֹת, אֵיידְלְקֵייט - מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער - אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (זֹהַר חָדָשׁ, לֶךְ לְךָ): "דִּירָתוֹ עִם הַשְּׁכִינָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען זֶען אַפֵּי שְׁכִינְתָּא.

נָאךְ זָאגְן דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סַנְהֶדְרִין צב.), דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע, "זוֹכֶה וּמְלַמְּדָהּ לְעוֹלָם הַבָּא", אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען אוֹיךְ זַיין אַ טִיטְשֶׁער, מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִּי נְשָׁמוֹת.

אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵוייס גָאר גוּט וָואס מֵיינְט זַיין אַ טִיטְשֶׁער, אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען טַעֲנוֹת וְכוּ', אִיךְ טוּ

דָאס שׂוֹין אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר אוּן מֶען בַּאקוּמְט נָאר צוּרִיק טַעֲנוֹת, וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, אִיךְ וֵוייס דִי שְׁוֶוערִיקֵייט, אָבֶּער אוֹיבּ אִיר וֶועט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן 'בֵּית פֵּיגָא' - וֶועט אַייעֶר שְׂכַר זַיין זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט שְׁטֶערְן אַ שִׁידוּךְ צוּלִיבּ דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף וואוֹינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַ שִׁידוּךְ - אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וואוּ אַ אִיד זָאל וואוֹינֶען - דָאס הָאט נִישְׁט מִיטְן מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ שִׁידוּךְ וָואס דֶער שִׁידוּךְ אַלֵיין גֶעפֶעלְט אִים זֵייעֶר, אָבֶּער הֱיוֹת עֶר דַארְף גֵיין וואוֹינֶען דָארְט וְכוּ' - ווִיל עֶר נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ, וַוייל עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְט דָאס פְּלַאץ. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נו; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קלט): "כְּשֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם לֵב אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ מָקוֹם כְּלָל, כִּי אַדְּרַבָּא, הוּא מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם וְכוּ'"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִים גוּט זַיין וואוּ עֶר אִיז נָאר, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁטֶערְן קַיין שִׁידוּךְ צוּלִיבּ דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף וואוֹינֶען, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ - זָאלְן דִי אַנְדֶערֶע דָאס אָפְּזָאגְן, דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען כַאפְּט אַ פַּאטְש, און מֶען אִיז נָאכְאַלְץ פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ - אִיז נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ נִישְׁט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ מֶען כַאפְּט אַ פַּאטְש - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען מוּזִיק; אַ פִידְל, אַ פַּייפֶער, אַ פּוֹיקֶער, און אֵיינֶער וָואס הָאט זֵיי גֶעפִירְט; אִינְמִיטְן זִינְגֶען הָאט דֶער פּוֹיקֶער אַיינְגֶעדְרִימְלְט, הָאט אִים דֶער אָנְפִירֶער גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְש און דֶער פּוֹיקֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט און גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייטֶער צוּ פּוֹיקְן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: ״אַ פַּאטְש גֶעכַאפְּט און פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט״; דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז אֲפִילוּ מֶען כַאפְּט אַ פַּאטְש - דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ שְׁטַארְקֶע לִימוּד אִין לֶעבְּן, וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן מֶען כַאפְּט פֶּעטְש, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״אַ פַּאטְש גֶעכַאפְּט און פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט״, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר פַאר דִי גוּטְס פוּנֶעם מֶענְטְש.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נָאנְט צוּ חוֹדֶשׁ אֲדָר, חוֹדֶשׁ הַשִּׂמְחָה, אַ חוֹדֶשׁ פוּן יְשׁוּעוֹת; מִיט שִׂמְחָה זֶעט מֶען יְשׁוּעוֹת און נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

מָארְגְן נַאכְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה און אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַ מְסִבָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַ גַאנְץ יָאר מִיטְן גֶעבְּן דִי מַעֲשֵׂר פַאר דִי יְשִׁיבָה. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען, אִיךְ נֶעם עֶס אָן פֶּערְזֶענְלִיךְ, און אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין הַיינְט דָא קֵיין עַיִן הָרָע אַ גְרוֹיסֶע צִיבּוּר, דָאךְ נֶעם אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ דַיין קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ רְפוּאָה פַאר רוּקְן וֵוייטָאג אוּן עֶקְזִימֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אַייעֶר רוּקְן וֵוייטָאג, אַז אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן - דָאס קוּמְט פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; אִיר הָאט צוּפִיל דַאֲגוֹת, דִי זָארְג גֵייט אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, עֶס גֵייט צוּ דִי רוּקְן, בִּיז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן אוּן מֶען הָאט וֵוייטָאג.

טוּט אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז עֶס אִיז בִּיטֶער - דַארְף מֶען נָאכְמַאלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס - גוּטֶע זַאכְן, אוּן וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן זַיין פְרֵיילִיךְ - צֶעפַאלְט דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה, מֶען זֶעט אַז אַלֶעס אִיז גוּט, גָארְנִישְׁט אִיז שְׁלֶעכְט.

שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען, "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", וַוייל מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן, "שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ דִי עֶקְזִימֶע וָואס קְרַאצְט וְכוּ'; שְׁמִירְט אָן דִי הוֹיט וואוּ עֶס אִיז דָא דִי עֶקְזִימֶע מִיט דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹיל פוּן דִי שַׁבָּת לִיכְט, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס זָאל זַיין פַאר אַ רְפוּאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער עִיקָר פוּנֶעם מוֹסָד אִיז דִי וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן צוּ דִיר וֶועגְן דַיינֶע קִינְדֶער, אַז אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִיז נִישְׁט גוּט. מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן; עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן, עֶלְטֶערְן הֶערְט מֶען אוֹיס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע צְדָדִים אוּן מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מִיר מַאכְן נִישְׁט אִין בֵּית פֵּיגָא קַיין עֵסֶק פוּן יוֹם הוּלֶּדֶת, עֶס מַאכְט נִישְׁט גוּט צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, עֶס הוֹיבְט אָן וֶוערְן קָאנְקוּרֶענְט.

בְּנוֹגֵעַ דִי צֶעטְלֶעךְ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה וְכוּ׳; נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דֶער עִיקָר אִיז דִי וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וָואס דִי לֶערֶערִינְס לֵייגְן אַרַיין אִין יֶעדְן קִינְד, אוּן דָאס נִישְׁט מַאכְן קַיין דְרוּק צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין פְרֵיילִיךְ, אַהֵיים קוּמֶען פְרֵיילִיךְ אוּן עֶס זָאל זַיין שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר עַל פִּיהֶם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אִין דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִי מֶער מֶען חַזֶר׳ט דִי אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער וֶוערְט דִי לֶעבְן זִיס אוּן גוּט,

וַוייל חס וְשָׁלוֹם אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, מֶען טְרַאכְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָּם אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי עֶס פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - דֶעמָאלְט אִיז זַייעֶר בִּיטֶער, מֶען לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים אוּן מֶען וֶוערְט גֵייסְטִישׁ קְרַאנְק.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הֶערְן אוּן לֵיינֶען דִי נֵייעֶס פוּן דִי וֶועלְט, דִי נֵייעֶס מַאכְט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס מַאכְט פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּעַל הַבַּיִת, דִי נֵייעֶס רֶעדְט פוּן דִי פִירֶער פוּן דִי לֶענְדֶער כְּאִילוּ עֶס הָאט מִיט זֵיי, מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַז אֱמוּנָה אִיז דֶער עִיקָר אוּן מֶען דַארְף שְׁטְרֶעבְּן צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אִין אִים אַייְנְגֶעבַּאקְן דִי אֱמוּנָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לָאז שׁוֹין אָפּ דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם אוּן יֶענֶעם, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אִין דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, אוּן אִין דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, עֶס אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר אִיז אַלֶעס, אוּן אַז דוּ וֶועסְט חַזֶר'ן אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, פְּחָדִים נֶערְוְון וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה), דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, וַוייל אָן אֱמוּנָה אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן. עֶס זֶענֶען דָא זַייעֶר אַסַאךְ קְרֶענְק וָואס קוּמְט

נָאר צוּלִיבּ דֶעם וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וַוייל וָוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, אוּן הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי'ן, מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מְלַמֵּד זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, וואוּיל אִיז דִיר אַז דַיין פְּלַאג אוּן מִיה אִיז אִין זַאכְן וָואס זֶענֶען נִצְחִיוּת, דוּ בּוֹיסְט אוֹיף סָאלְדַאטְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דֶעם רֶבִּינ'ס הַארְץ וָוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד. עֶס אִיז דָא אַפָּאר גִירְסָאוֹת אִין דִי מַעֲשֶׂה, דֶערְצֵייל זֵיי אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט עֶס אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק (עַיֵּין סִימָן כו).

די מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַּארְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע פֵיגָא הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט די הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע - די צַדֶּיקֶת אָדְל - דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טָאכְטֶער, וָואס זי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִין דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. וֶוען די תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיּוּן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטוּבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען די צַייטְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעְסְן צְוִוישְׁן זִיךְ פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי זַייעֶנְדִיג נָאךְ אַ קְלֵיין אִינְגְל פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן די שְׁמוּעֶסְן פוּן די קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, די צַדִּיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט די מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בִּשְׁעַת זי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם", אוּן מִיט די וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנְ'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם", מִיט די וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין וַואלְד בִּשְׁעַת עֶר זִינְגְט זִיךְ צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ", (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בְּשָׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן נַאר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וִוי עֶר אִיז נִישְׁטָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶועֶן אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אִים אַיינְרֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶועֶן אַ קְלֵיין קִינְד. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'גֶעוַואלְד! אִיךְ וִוִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק?' דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ'". בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן.

דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה אַ גַאנְץ יָאר, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, קִינְדֶער

דַארְפְן נִישְׁט קַיין נֵייעֶ מַעֲשִׂיּוֹת, קִינְדֶער הָאבְּן מֶער לִיב מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט. דֶערְצֵייל זֵיי עֶס מִיט תְּמִימוּת, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ, וַוייז זֵיי וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף אַן אוֹפָן פוּן קֶענֶען נָאכְמַאכְן, עֶס זָאל וֶוערְן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶר הַארְץ דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִיךְ מוּז עֶנְדִיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וואוּ צוּ גֵיין וואוֹינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

דָאס וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט אִיר זָאלְט אִיבֶּערְלָאזְן אַייעֶר מַאמֶע, אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אוּן גֵיין וואוֹינֶען וְכוּ'; אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַסַאךְ פוּן דִי רֶבִּי'שֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ מֶען זָאל אַלֶעס אַוֶועקְלֵייגְן אִין דֶער זַייט אַבִּי צוּ בּוֹיעֶן דִי שׁוּל וְכוּ', מֶען פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל קוּמֶען דִינֶען דִי שׁוּל, דִינֶען דִי רֶעבִּיסְטֶעוֶוע אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים, אַלְץ אַבִּי עֶס זָאל זַיין אַ כָּבוֹד פַאר דִי הַנְהָגָה וְכוּ'.

אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ צְוֵוייטְן וואוּ צוּ גֵיין וואוֹינֶען, דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט זָאגְן, אֵיין עֵצָה אִיז דָא, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁטָא קַיין אֵיין פְּרוּטָה, לָאז אָבֶער נִישְׁט אָפּ דִי שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ מִיט דַחְקוּת אוּן אָרֶעמְקֵייט, מֶען ווִיל זֶען צוּ וֶועם עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן; וֶועט עֶר נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ דַארְף בְּרֶענְגֶען פַּאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיר אַ נֵס", אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין.

אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין דָאלֶער, קַיין אֵיין פְּרוּטָה - זָאלְסְטוּ אָבֶער אוֹיף אֵיין זַאךְ נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוּן זֶען דָאס צוּ אַיינְקוֹיפְן, צוּ לֵייגְן אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ נֵס.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִידֶל אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן; וֶוען זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אֵיין טָאג גוּט אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוטוּן פוּן קֵיינֶעם, לָאז נִישְׁט אָפּ הַפָּצָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן דִי מִתְנַגְדִים וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר וֶוען דוּ גֵייסְט הַפָּצָה, דוּ גֵיי וַוייטֶער פַּארְפְּלֵייצְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר, פַּאר עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא. הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס דִי בִּילְד גוּט, אָבֶּער וֶוער עֶס וֵוייסְט, וֵוייסְט אַז דִי מַצָּב אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי אִיז אַזוֹי בִּיטֶער, זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אוּנְטֶער דִי טַאטֶעס נָאז, אוּנְטֶער דִי מַאמֶעס שִׁירְצְל, דִי עֶלְטֶערְן חָלוֹמ׳עֶן נִישְׁט וָואס דִי קִינְדֶער מַאכְן אוּן טוּעֶן, זֵיי וִוילְן זַיין גוּט אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג, זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין פַּאלְן, אוּן נָאר דִי קוּנְטְרֵסִים בְּלָאזְט אַרַיין אִין זֵיי אַ חַיוּת, אַ הָאפֶענוּנְג, עֶס רַאטֶעוֶועט זֵיי.

מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי מֶען הָאט גֶע׳רוֹדְפ׳ט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, מֶען הָאט אִים כַּמָּה פְּעָמִים גֶעוָואלְט הַרְג׳עֶנֶען פַאר דִי אֵיינֶע חֵטְא פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים פַאר דִי וֶועלְט, מֶען הָאט גֶעדִינְגֶען פַאר גֶעלְט מֶערְדֶער זֵיי זָאלְן אִים הַרְג׳עֶנֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט, דִי מֶערְדֶער הָאבְּן זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד אִין בְּרֶסְלֶב מִיטְן נָאמֶען נָתָן, אַ אִיד ר׳ נָתָן אַפְּטֵייקֶער אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי לֵיידֶער אוֹיסְגֶעפִירְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה. זֵיי הָאבְּן אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט יֶענֶעם ר׳ נָתָן, זַיין וַוייבּ, זַיינְ׳ס אַ בְּרוּדֶער אַהֲרֹן מֹשֶׁה, אוּן אַ דִינְסְט. נָאר צְוֵויי קִינְדֶער הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט, אַ קְלֵיין בֶּעבִּי אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר יָאר, וֶועלְכֶע אִיז קְרִיטִישׁ פַארְוואוּנְדֶעט גֶעוָוארְן אִיבֶּער אִיר גַאנְצֶע קֶערְפֶּער, קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהַרְנַ״ת (עָלִים לִתְּרוּפָה ב׳ וַיֵּשֶׁב תקצ״ה, מִכְתָּב קנח).

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מוֹהַרְנַ״ת, אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דִי הַפָּצָה.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן 'הַפָּצָה'.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ שֵׂכֶל אוּן בֶּעט אִיבֶּער דֶעם וֶועמֶען דוּ הָאסְט פַארְשֶׁעמְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ הָאסְט אִים זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט דִיר גֶעגְרִיסְט שַׁבָּת, אוּן דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים וְכוּ'; עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַזוֹי בַּאלֵיידִיגְט, שׁוֹין אַרִיבֶּער אַפָּאר טֶעג אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי בִּזָיוֹן.

עֶנְדְלִיךְ הֶער אִיךְ שׁוֹין אַז מֶען גְרִיסְט זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל, אִיז פַארְוָואס דַארְף מֶען צוּרִיק שְׁרֵייעֶן וֶוען מֶען בַּאגְרִיסְט (אוּן אֲפִילוּ מֶען גֵייט מִיט דִי וַוייבּ, פַּאסְט אוֹיךְ אַז מֶען בַּאגְרִיסְט דֶעם מַאן).

בִּפְרַט אַז עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן דִיר אַ חָתָן מַאכְן, דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין פַאר דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, אוּן אוֹיךְ נָאךְ פִיל טוֹבוֹת בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אוּן דַיין וַוייבּ אִין סְקוּל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ שֵׂכֶל אוּן בֶּעט אִיבֶּער וַוייל אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען זֵייעֶר לַיידְן.

מֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שְׁרַייבְּן.

...

## נָאר אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה אִיז דָא אֱמֶתְ'עֶ לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי הֲלָכוֹת וְכוּ' - וֶועט אִיר זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף אַייךְ אוּן אוֹיף אַייעֶר מַאן; נָאר אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה אִיז דָא אֱמֶתְ'עֶ לִיבְשַׁאפְט אוּן אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם.

שְׁטֵייט שְׁטַארְק, אַייזְן שְׁטַארְק - נִישְׁט זִיךְ אַוֶועק רִירְן פוּן דִי תּוֹרָה; אִין דִי טֶעג וָואס מֶען דַארְף הִיטְן הֲלָכוֹת אִיז נִישְׁטָא קַיין דְרֵיידְלֶעךְ אוּן קַיין מַעֲשִׂיּוֹת, עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵּייעֶר.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאן; אַמָאל פְלֶעגְט עֶר מִיר שְׁרַייבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטִיקְל קֶשֶׁר - הָאבּ אִיךְ אִים גֶעקֶענְט מְחַזֵּק זַיין, הַיינְט הֶער אִיךְ נִישְׁט פוּן אִים; הַלְוַואי וָואלְט עֶר צוּרִיק גֶעמַאכְט דִי קֶשֶׁר, וֶועל אִיךְ אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל הִיטְן שַׁבָּת אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּן צַדִּיק אִיז גָאר בִּיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְמַאךְ דַיין 'סָאוֹשְׁל מִידִיעֶ', אִיךְ זָאג דִיר צוּ שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זֶען אַ נֵס, אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת.

אוֹיבּ דוּ פַארְמַאכְסְט דַיין 'סָאוֹשְׁל מִידִיעֶ', זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז בִּיז אַ

קוּרְצֶע צַייט גֵייסְטוּ אַרוֹיס פוּן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן עֶס גֵייט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאר מִיט דִי דְרֵייא תְּפִלוֹת אִין שׁוּל, קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרַט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר, דוּ פְלֶעגְסְט אַמָאל דַאוֶונֶען דִי דְרֵייא תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְזַלְזֵל אִין דַאוֶונֶען.

אִיךְ וִויל זַיין דַיין שַׁדְכָן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט פוּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר דִיר, אָבֶּער אִיךְ וִויל מִיט דִיר זַיין אָפְן, אִיךְ קֶען זַיין דַיין שַׁדְכָן נָאר אַז דוּ דַאוֶונְסְט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב; אַז מֶען דַאוֶונְט נִישְׁט דִי דְרֵייא תְּפִילוֹת - אִיז נִישְׁטָא קַיין טְשֶׁענְס מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי וִוי אַ קַאר קֶען נִישְׁט פָאךְן נָאר מִיט גֶעז, אוּן אוֹיךְ אַ לֶעקְטֶערִישֶׁע קַאר קֶען נִישְׁט פָאךְן נָאר מִיט בֶּעטֶערִי, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען אַ אִיד נִישְׁט הָאבְּן הַצְלָחָה נָאר אַז עֶר גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵייא תְּפִילוֹת.

הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי צוּ גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען דִי דְרֵייא תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן. אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין צוּ דַיין אַרְבֶּעט אֵיידֶער דוּ דַאוֶונְסְט, לָאז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קְרַאכְן, לָאז אַלֶעס צֶעפַאלְן, לָאז דִי בַּאנְק אִין אַ מֵיינוּס, טוּ גָארְנִישְׁט פַאךְן דַאוֶונֶען, נָאר נָאכְן דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ לוֹיפְן צוּ דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶּער נִישְׁט פַארְן דַאוֶונֶען. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לא): ״רָאוּי לְהִזָּדֵרֵז לְהִתְפַּלֵּל תָּמִיד בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל״, עֶס אִיז רִיכְטִיג מֶען זָאל זִיךְ צוּאַיילְן צוּ דַאוֶונֶען שְׁטֶענְדִיג דָאס פְרִיסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר, ״כִּי לְפִי גֹּדֶל מַעֲלַת

הַתְּפִלָּה שֶׁיְּקָרָה מַעֲלָתָהּ מְאֹד מְאֹד", וַוייל דַאוֶוענֶען אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן טֵייעֶר, אוֹיבּ מֶען שְׁטוּפְּט דָאס אָפּ - קֶען מֶען דָאס אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן, "מִי יוֹדֵעַ אִם יִזְכֶּה אַחַר כַּךְ לְהִתְפַּלֵּל", וֶוער וֵוייסְט דֶען וָואס וֶועט זַיין, אוֹיבּ מֶען וֶועט נָאךְ קֶענֶען דַאוֶוענֶען, "עַל כֵּן כָּל מַה שֶׁיּוּכַל לְהַקְדִּים עַצְמוֹ רָאוּי לוֹ לְזָרֵז מְאֹד וּלְהַקְדִּים" דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען וָואס פְּרִיעֶר.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רוּפְן אָדֶער אַרִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג צוּ דִי מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיר אוּן אַייעֶר מַאן לֶעבְן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן אַלֶעס אִיז פֵיין, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה אוּן אִיךְ בֶּעט נָאכְאַלְץ עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט רוּפְן אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ' יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ אַרִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג צוּ אִיר, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ וָואס מֶען מַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד אַ מַאמֶע, מֶען רֶעדְט מִיט אַ מַאמֶע, מֶען גֵייט בַּאזוּכְן אַ מַאמֶע; דִי לֶעבְּן אִיז דָאךְ אַזוֹי זִיס אוּן אַזוֹי אַיינְגֶענֶעם אַז מֶען טוּט שֶׁעצְן אַ מַאמֶע.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין יֶעדְן טָאג אַרִיבֶּערְצוּגֵיין צוּ אַייעֶר מַאמֶע, אוּן אַז אִיר קוּמְט נִישְׁט אָן - זָאלְט אִיר כָאטְשִׁיג רוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אוּן אִיר מַאכְן נַחַת, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זֶען נִיסִים, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פוּלֶע שְׁטוּבּ מִיט גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין; זָאגְט עֶס מִיט טַייטְשׁ, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה מִיט אַסַאךְ כֹּחַ.

דָא הָאט אִיר דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין מִיט דִי טַייטְשׁ:

1) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא בּוֹרֵא עֶר בַּאשַׁאפְט, וּמַנְהִיג אוּן פִירְט, לְכָל הַבְּרוּאִים אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיין, עָשָׂה הָאט גֶעטוּן, וְעוֹשֶׂה אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, וְיַעֲשֶׂה אוּן וֶועט וַוייטֶער אַלֶעס טוּן, לְכָל הַמַּעֲשִׂים אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט.

2) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא יָחִיד עֶר אִיז אֵיינֶער, וְאֵין יְחִידוּת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל זַיין אֵיינְס, כָּמוֹהוּ, בְּשׁוּם פָּנִים אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז אֵיינְס. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיינְס, אֱלֹקֵינוּ אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָיָה עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, הֹוֶה עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, וְיִהְיֶה אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.

3) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵינוֹ גּוּף אִיז נִישְׁט קַיין קֶערְפֶּער, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ קֶערְפֶּער, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ.

4) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא רִאשׁוֹן עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער, וְהוּא אַחֲרוֹן אוּן עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער.

5) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, לוֹ לְבַדּוֹ נָאר צוּ אִים אַלֵיין, רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל דַארְף מֶען בֶּעטְן, וְאֵין רָאוּי אוּן עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד, לְהִתְפַּלֵּל צוּ בֶּעטְן, לְזוּלָתוֹ פוּן קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

6) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת אַז אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי נְבִיאִים זֶענֶען אֱמֶת׳דִיג.

7) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ,

שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַז דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָיְתָה אֲמִתִּית איז אֱמֶת׳דִיג, וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים אוּן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ איז גֶעוֶוען דִי טַאטֶע פוּן אַלֶע נְבִיאִים, לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו פַאר דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, וְלַבָּאִים אַחֲרָיו אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

8) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁכָּל הַתּוֹרָה אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, הִיא הַנְּתוּנָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן, לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

9) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן, לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת וֶועט נִישְׁט פַארְטוּישְׁט וֶוערְן, וְלֹא תְהֵא אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין, תּוֹרָה אַחֶרֶת קַיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה, מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

10) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְנֵי אָדָם וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם אוּן אַלֶעס וָואס מִיר טְרַאכְטְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לג, טו): 'הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן אַלֶע הֶערְצֶער, 'הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם' אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

11) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גּוֹמֵל טוֹב בַּאצָאלְט שְׂכַר, לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִי מִצְוֹת, וּמַעֲנִישׁ אוּן עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט, לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו דִי וָואס פָאלְגְן נִישְׁט זַיינֶע מִצְוֹת.

12) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ אוּן אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לּוֹ בְּכָל יוֹם מִיט דֶעם וַוארְט אִיךְ יֶעדְן טָאג, שֶׁיָּבוֹא אַז עֶר זָאל קוּמֶען.

13) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ,

שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים אַז עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס טוּן, וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים אוּן עֶס וֶועט דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן זַיין נָאמֶען פַּאר אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאג דַיין וַוייבּ זִי קֶען בְּלַייבְּן בַּיי דִי אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ד׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס פְרוֹיעֶן רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער אוּן פוּן וַוארְטְן וְכוּ׳ - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה; עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם צוּלִיבּ כַּמָּה סִיבּוֹת, בִּפְרַט אוֹיבּ אִיז דָא בַּיי דִי שְׁמוּעֶס פְרוֹיעֶן וָואס הַאלְטְן נָאכְנִישְׁט דָארְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה; זָאג דַיין וַוייבּ זִי קֶען בְּלַייבְּן בַּיי דִי אַרְבֶּעט, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דְרֵיי עֵצוֹת אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ד׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס דוּ בִּיסְט אַלְץ אַרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פוּן צַעַר וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, אַז אִין דַיין אַלְטֶע יְשִׁיבָה הָאט דִיךְ אַ בָּחוּר מְטַמֵּא גֶעוֶוען, דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוּן נָאכְדֶעם הָאסְטוּ זִיךְ גֶעקוֹיפְט שְׁטִילֶערְהֵייט אַ

טֶעלֶעפָאן אָפְּן צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט אוּן גֶעזֶען גִּלּוּי עֲרָיוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז דִיר בִּיטֶער דִי לֶעבְּן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן אַלֶעס פַארֶעכְטְן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ עֵצוֹת, אָבֶּער בְּעִיקָר אִיז דָאס דִי דְרֵיי עֵצוֹת פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, יֶעדְן טָאג גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין פַאר וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין מָאוּיס, ווַייל דָאס זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם – רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס ווַאשְׁט אוֹיס דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן קְדוּשָּׁה – עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

לוֹיט אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת אִיז אַזָא אֵיינֶער וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער, נִישְׁטָא קֵיין וֶועג אַרוֹיס פַאר אִים, דֶערְפַאר וֶוען מוֹהֲרְנַ"תְּ הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַזֶעלְכֶע קְלָארֶע וֶוערְטֶער, אַז מֶען קֶען נֶעמֶען אַ בַּעַל עֲבֵירָה אוּן אִים מַאכְן פַאר אַ צַדִּיק, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ דָאס רֶעכְנְט אַרַיין אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן

תקעג): "דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס".

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט יֶעדְן טָאג עֶרְגֶעץ פְּרִיוַואט וואוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוּן הֶערְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים דִי מַעֲשֶׂה ווִי דֶער בָּחוּר הָאט דִיךְ גֶערוּפְן אִין אַ סֶעלֶער, קוֹדֶם הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר דִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין דִי נֶעץ, אוּן ווִי נָאכְדֶעם הָאסְטוּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעקוֹיפְט אַ טֶעלֶעפָאן, קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט, דוּ הָאסְט גֶעקוּקְט דִי עֶרְגְסְטֶע פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע, דִי אָפְּפַאל פוּן דִי אָפְּפַאל, וָואס אֲפִילוּ בַּיי דִי גוֹיִם, בַּיי דִי פֶּעלְקֶער - אִיז דָאס אַזוֹי גֶעמֵיין, אַז נָאר דִי נִידְרִיגְסְטֶע קוּקְן דָאס. אַז דוּ קֶענְסְט שְׁרֵייעֶן מִיט קוֹלוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט נָאךְ בֶּעסֶער גֶעוֶועןְ, וַוייל אַז דוּ הָאסְט מְקַלְקֵל גֶעוֶועןְ דַיינֶע מוֹחִין - אִיז דָאס דִי עֵצָה, שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ בַּאנֵייעֶן, גֶעבְּן פְרִישֶׁע מוֹחִין וְכוּ'.

אוּן דֶער עִיקָר דִי דְרִיטֶע זַאךְ, שִׂמְחָה; דוּ זָאלְסְט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן זָאלְסְט נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ", אִיז מֶער נִישְׁט דָא קֵיין עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יֶעדֶע רִיר פוּן בֵּית פֵיגָא, שְׁטֵיי אִיךְ אוּנְטֶער דֶעם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא אַכְטֶע קְלַאס, שֶׁתִּחְיוּ**

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן קוּגְל פַאר דִי חֲתוּנוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קוּמְט פָאר אִין יְשִׁיבָה, עֶנְק הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, עֶס אִיז דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה.

מֶען הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אִין דִי לֶעצְטֶע פָאר יָאר אִין יְשִׁיבָה אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט חֲתוּנוֹת וָואס אִיז בְּחִנָּם פַאר בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים, אוּן נָאר דוּרְךְ דִי הִילְף פוּן דִי פְּרוּיעֶן פוּן דִי לֶעידִיס עֶקְזִילֶערִי אוּן פוּן דִי הִילְף פוּן דִי בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת - וָואס הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי קוּגְל אוּן אַלֶעס צוּשְׁטֶעלְן - קֶענֶען מִיר דָאס בַּאַווייזְן.

אִיךְ וִויל עֶנְק אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין עֶנְק זָאלְן מִיט הַאלְטְן דִי נֵייעֶן, עֶנְק מֵיינֶען אַז עֶס אִיז אִיבְּרִיג, עֶנְק מֵיינֶען אַז עֶס אִיז אַ נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאךְ; וָואס זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן, עֶנְק וֶועלְן זֶען נָאךְ עֶנְקֶער חֲתוּנָה ווִי ווִיכְטִיג דָאס אִיז; ווַייל דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט נֵייעֶן - דַארְפְן אַרוּם לוֹיפְן פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט צוּ אַ שְׁנַיידֶער, יֶעדֶע רִיר קָאסְט אַזוֹיפִיל צַייט אוּן גֶעלְט, אוּן דִי וָואס לֶערְנֶען זִיךְ אִין סְקוּל נֵייעֶן - דִי קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן דִי קְלֵיידֶער פוּן זִיךְ, פוּן דִי מַאן אוּן קִינְדֶער.

טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת טְרָאסְטְס מִיךְ, אִיךְ וִויל נִישְׁט לֵייגְן אוֹיף עֶנְק נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, יֶעדֶע רִיר פוּן בֵּית פֵיגָא; וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן וָואס מֶען זָאל מַאכְן - שְׁטֵיי אִיךְ אוּנְטֶער דֶעם, אוּן אַז עֶנְק - דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידוֹת - וֶועלְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן, עֶנְק וֶועלְן מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס פוּן סְקוּל - וֶועלְן עֶנְק מִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייג אַלֶעס אִין דֶער זַייט, אוּן טוּ כִּיבּוּד אָב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט אַז דַיין טַאטֶע דַארְף צוּקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער'ס הִילְף, עֶר הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן זַיין פוּס - זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין אִים הֶעלְפְן גֵיין אוּן קוּמֶען.

עֶס אִיז אַזוֹי נִישְׁט שֵׁיין צוּ הֶערְן אַז קֵיינֶער פוּן דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער קוּמֶען נִישְׁט, מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, אוּן נָאר דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר קִינְד גֶעבְּט זִיךְ אָפּ אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

לֵייג אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִין דֶער זַייט, אוּן טוּ דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א), אַז דָאס אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל רֶעדְן שֵׁיין אוּן הַארְצִיג צוּ מַיין מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא מַתָּנָה, עֶר הֶעלְפְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, עֶר הֶעלְפְט אַזוֹי דִי מוֹסְדוֹת, אַלֶע הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ.

עֶר אִיז אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכְן, עֶר ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ אִים שֵׁיין אוּן הַארְצִיג, עֶר אִיז אַייךְ גְרֵייט אַלֶעס צוּ טוּן אוּן אַלֶעס צוּ מַאכְן, עֶר ווִיל נָאר דִי אֵיין זַאךְ, אַ וַוייבּ וָואס רֶעדְט שֵׁיין, אַ וַוייבּ וָואס רֶעדְט מִיט הַארְץ, עֶר ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַ שֵׁיינֶע שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר בֶּעט מִיר חִיזּוּק.

איך הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיר וֶועט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אִיר וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען דִי הַארְצִיגֶע וַוייכֶע שֵׁיינֶע וֶועג פוּן רֶעדְן.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן, אִיךְ וִויל רֶעדְן הַארְצִיג צוּ אִים, נִישְׁט שַׁאפְּן, נִישְׁט שְׁרַייעֶן, און נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶע מָאל אִיךְ רֶעד מִיט מַיין מַאן וֶוער אִיךְ נֶערְוֶועז און אִיךְ הוֹיבּ אָן רֶעדְן שְׁטֶעכֶעדִיג, בַּייסִיג, בִּיז דִי שְׁמוּעֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִיס; בִּיז אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד און מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר און נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט און פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, און בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען און שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס און עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, און זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ גְרִינְגֶער וֶוערְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

מַזָּל טוֹב פַאר אַייעֶר נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען אַסַאךְ נַחַת.

יֶעצְט דַארְפְט אִיר הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער אוּן צוּ דִי נַיי גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד, ווייל אִיךְ אַייךְ דֶערְמַאנֶען פוּן דִי עֵצָה פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ גְרִינְגֶער וֶוערְט, מֶען בַּאקוּמְט אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, פַארְן מַאן אוּן פַאר אַלֶעס.

וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט שְׁטַארְק דִי אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ. אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן מַחְלוֹת בְּלוֹיז ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ, זָאגְט דֶער רֶבִּי ווייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, עֶס פַּייניגְט זֵיי פוּן אִינֶעווייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די גְרוֹיסְקֵייט פון שַׁבָּת שְׁקָלִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שְׁקָלִים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שַׁבָּת, שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, און אויךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁקָלִים. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אוֹיף דִי ד׳ פַּרְשִׁיּוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען זֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים״; דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז אִין דִי שַׁבָּתִים לִיגְט עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן, מִיר זֶעעֶן נִישְׁט, אָבֶער מִיר גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פון צַדִּיקִים, און אַז זֵיי זָאגְן אַז דִי שַׁבָּתִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע שַׁבָּתִים - דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן און אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס עֶס קוּמְט אִין דִי צַייט.

בַּיים דַאוֶוענֶען זָאגְן מִיר דִי יוֹצְרוֹת, סֵיי בַּיי שַׁחֲרִית און אויךְ בַּיי מוּסָף, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״׳אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נָשָׂא׳, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אויךְ זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן און דִיךְ צוּ זֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט כַּוָּונָה דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַלֶע מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא מִדְרָשׁ הֲלָכָה וְאַגָּדָה וְכוּ׳? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין אָפְּגֶעהִיטְן״.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַלֶע יָארְן גֶערֶעדְט שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁקָלִים פַארְוָואס מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל און נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע, ווַייל דָאס קוּמְט אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פון דִי דִמְיוֹן וָואס מִיר טְרַאכְטְן אַז ׳אִיךְ אַלֵיין בִּין גַאנְץ, אִיךְ אַלֵיין בִּין גוּט׳, דִי מִצְוָה פון בְּרֶענְגֶען נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אַז אַ אִיד קֶען נָאר זַיין גַאנְץ - מִיט אַ צְוֵוייטְן, סֵיי מַאן און ווַייבּ, סֵיי מִיט אַנְדֶערֶע, מֶען מוּז זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר אַזוֹי אִיז מֶען גַאנְץ. דָאס בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״׳וְשֶׁקֶל אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא׳, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גַאנְץ מִיט אַנְדֶערֶע, זַיין גַאנְץ אִין שְׁטוּב״.

וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָנֶעם רֶבִּי׳ן, אָן דִי עֵצָה פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; דָאס רַאטֶעוֶועט אוּנְז, אוּן דָאס מוּזְן מִיר גֶעבְּן פַּאר נָאךְ אִידְן; מִיר מוּזְן גֵיין הֲפָצָה, טוּן פַּאר אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל זַיין אַ גַאנְצֶע שֶׁקֶל.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

# מהדורת יאקאבאוויטש

## הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות

## מוה"ר **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו

## וזוגתו **הדס אדל** תחי'

### לזכות הבן זכר הנולד להם למזל טוב

**יה"ר שהוריו יזכו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו עליו השלום בעתו ובזמנו, וירוו ממנו ומכל יוצא חלציהם, רב נחת ותענוג דקדושה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# זכות הפצה

**זכות בספר הקדוש הזה**

**נתנדב לזכות**

**מוה"ר שבתי דוד הלוי מארקוס הי"ו**

**וזוגתו רבקה תחי'**

**לזכות בתם הנולד להם למזל טוב**

**יה"ר שהוריה יזכו לגדלה ולחנכה לתורה, לחופה ולמעשים טובים, וירוו ממנה ומכל יוצא חלציהם רב נחת ותענוג דקדושה.**

**הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא**

**וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון**

ב"ה

ראש חודש
אדר שנת
תשפ"ה לפ"ק

# ועד מרישא גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש
הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

## ליקוטי מוהר"ן
תורה ז'

1 ערשטע פאזע:
**הגהה וניקוד**

## עצתו אמונה
חלק א'

עודך!

3 דריטע פאזע:
**הגהה**

## איש אמונות
תש"פ חלק א'

4 פערטע פאזע:
**דרוקן**

מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער או-דזשעי-סי אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה',
רופט שוין: ר' ישעי אידליס הי"ו: 347.831.1391 / ר' שמואל אייכנשטיין הי"ו: 917.589.3382

dominogrp.com